ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH)
אפטיילונג פון לאנג-טערמיניגע באהאנדלונג

מעדיקעיד וועיווער
פאר טראומאטישע מח שאדן (TBI)
(Nursing Home Transition and Diversion, NHTD)

# מעלדונג פון באשלוס
## אפזאג פון וועיווער פראגראם

נאמען פון וועיווער אנטיילנעמער

אדרעס

קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN)

מעלדונג דאטום

דאס איז אייך צו מעלדן אז אייער אפליקאציע אנטיילצונעמען אין די 1915(c) היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס מעדיקעיד וועיווער פאר מענטשן מיט טראומאטישע מח שאדן (TBI) איז **אנטזאגט** געווארן.

אייער אפליקאציע צו די TBI וועיווער פראגראם איז **אנטזאגט** געווארן צוליב:

לויט די 1915(c) מעדיקעיד וועיווער אפליקאציע בארעכטיגט דורך די סענטערס פאר מעדיקעיר און מעדיקעיד (CMS) עפעקטיוו סעפטעמבער 1, 2017, האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NYSDOH) איינגעפירט די יוניפארם אסעסמענט סיסטעם-ניו יארק (NY-UAS) צו אויפשטעלן נורסינג אנשטאלט שטאפל פון קעיר (NFLOC), א פאדערונג פאר וועיווער סערוויסעס.  לויט די NY-UAS שאצונג פארענדיגט אויף ______________ דורך א טרענירטע פראפעסיאנאלע רעגיסטרירטע נורס, זענט איר באשטימט געווארן דורך די שאצונג נישט צו דערגרייכן די געפאדערטע שטאפל פון קעיר צייכן (5 אדער העכער).  די שאצונג האט געוויזן א צייכן פון ______________

א צווייטע שאצונג איז געמאכט געווארן אויף ______________ און אנגעוויזן א צייכן פון ______________ און געשטיצט די געפינסן פון די ערשטע שאצונג. דעריבער, זענט איר נישט אין איינקלאנג מיט די פאדערונג פאר וועיווער בארעכטיגונג.

איר קענט פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג וועגן די באשלוס. איר קענט אויך בעטן א קלינישע אפשאצונג דורך א ספעציאליסט מיט ערפארונג אין TBI דיסאביליטי און\אדער קאגניטיוו דעפיציט אונטערזוכונגען פאר איבערקלערונג דורך די לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג סענטער (RRDC). אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן די באשלוס אדער ווילט פארלאנגען א קעיס זיצונג, ביטע פארבינדט זיך מיט די RRDC אויף: ______________

די געזעצן וואס ערלויבן אונז דאס צו טון זענען: אפטיילונג 1915(c) פון די סאושעל סעקיוריטי אקט און אפטיילונג 2740, 2741, און 2742 פון די פאבליק געזונטהייט געזעץ.

**אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט די באשלוס, קענט איר פארלאנגען א זיצונג, א יושר'דיגע הירינג, אדער ביידע. ביטע לייענט די רעשט פון די מעלדונג צו זען וויאזוי צו פארלאנגען א זיצונג און\אדער א יושר'דיגע הירינג.**

לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג ספעציאליסט (פרינט)

לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג ספעציאליסט (אונטערשריפט)

נאמען פון לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג סענטער (RRDC)

אדרעס

טעלעפאן

cc: לעגאלע גארדיען
באפולמעכטיגטע פארשטייער סערוויס קאארדינעיטער
NYS DOH NHTD און TBI וועיווער פראגראם

**רעכט פאר א זיצונג:** איר קענט האבן א זיצונג מיט די לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג ספעציאליסט (RRDS) צו איבערגיין די שריט. אויב איר ווילט א זיצונג, זאלט איר דאס פארלאנגען ווי שנעל עס איז מעגליך. ביי די זיצונג, אויב די RRDS אנטדעקט אז די נישט-ריכטיגע באשלוס איז געמאכט געווארן, אדער אויב, צוליב אינפארמאציע וואס איר האט געגעבן, באשליסט די RRDS צו טוישן די באשלוס, וועט שריט געגומען ווערן עס צו פאררעכטן. איר וועט באקומען א נייע מעלדונג פון באשלוס. איר קענט פארלאנגען א זיצונג דורך רופן די RRDS ביי די טעלעפאן נומער וואס שטייט אויף די ערשטע בלאט פון די מעלדונג אדער דורך שיקן א שריפטליכע פארלאנג צו די אדרעס וואס שטייט אויפן ערשטן בלאט פון די מעלדונג. **דאס איז נישט די וועג צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג.** אויב איר פארלאנגט א זיצונג, זענט איר נאך אלס בארעכטיגט פאר א יושר'דיגע הירינג. לייינט אונטן פאר יושר'דיגע הירינג אינפארמאציע.

**רעכט פאר א יושר'דיגע הירינג:** אויב איר גלויבט אז די אויבנדערמאנטן שריט איז נישט ריכטיג, קענט איר פארלאנגען א סטעיט יושר'דיגע הירינג דורך:

1. **טעלעפאן:** איר קענט רופן די שטאטישע טאל פריי נומער אויף 1-800-342-3334 (ביטע האט דעם מעלדונג מיט אייך ווען איר רופט) **אדער**
2. **פאקס:** פולט אויס און פעקסט א קאפיע פון די מעלדונג צו 473-6735 (518) **אדער**
3. **אנליין:** פולט אויס און שיקט די אנליין פארלאנג בויגן אויף: https://www.otda.state.ny.us/oah/forms.asp **אדער** אויב איר קענט נישט דערגרייכן די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (New York State Office of Temporary and Disability Assistance) דורך טעלעפאן, פאקס, אדער אנליין, ביטע שרייבט צו בעטן א יושר'דיגע הירינג בעפאר 60 טעג פון די דאטום פון דעם מעלדונג.
4. **פאסט:** פולט אויס און שיקט א קאפיע פון די מעלדונג צו די Fair Hearing Section, New York State Office of Temporary Disability Assistance, P.O. Box 1930, Albany, New York, 12201. ביטע האלט א קאפיע פאר זיך.
5. **בלויז ניו יארק סיטי:** איר קענט אויך אריינקומען צו די אפיס פון אדמיניסטראטיווע הירינגס, פון די אפיס פון צייטווייליגע & דיסעביליטי הילף, 14 Boerum Place, Brooklyn, New York אדער 330 West 34th Street, 3rd. Floor, NY, NY. ברענגט א קאפיע פון די מעלדונג מיט אייך.

**איר האט 60 טעג פון די דאטום פון די מעלדונג צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג.**
אויב איר פארלאנגט א יושר'דיגע הירינג, וועט די סטעיט אייך שיקן א מעלדונג וואס לאזט אייך וויסן די צייט און פלאץ פונעם הירינג. איר האט דעם רעכט צו ווערן פארטרעטן דורך לעגאלע קאונסעל, א קרוב, א פריינט אדער אנדערע מענטש, אדער זיך אליין צו פארטרעטן. ביים הירינג, וועט איר, אייער אדוואקאט אדער אנדערע פארטרעטער האבן די געלעגנהייט צו פארשטעלן שריפטליכע און מינדליכע באווייזן צו צייגן פארוואס די שריט האט נישט געדארפט ווערן גענומען, ווי אויך א געלעגנהייט אויסצופרעגן סיי וועלכע מענטשן וועלכע ערשיינען ביים הירינג. אויך, האט איר א רעכט צו ברענגען עדות צו רעדן פאר אייער טובה. איר זאלט ברענגען צום הירינג סיי וועלכע דאקומענטן אזוי ווי דער מעלדונג, פעי-סטאבס, ריסיטס, מעדיצינישע בילס, הייצונג בילס, מעדיצינישע באשטעטיגונג, בריוון, א.ד.ג. וואס קענען זיין בייהילפיג ביים פארטרעטן אייער קעיס.

---

☐ **איך וויל א יושר'דיגע הירינג.** די באשלוס איז נישט ריכטיג ווייל: ____________________

______________________________

______________________________
עפעקטיווע דאטום וואס אייער וועיווער איז אנטזאגט געווארן

______________________________ ______________________________
אייער נאמען (פרינט) אייער אונטערשריפט

______________________________
אדרעס

______________________________ ______________________________ ______________________________
טעלעפאן קליענט אידענטיפיקאציע נומער (CIN) דאטום

**לעגאלע הילף:** אויב איר דארפט אומזיסטע לעגאלע הילף, קענט איר דאס באקומען דורכן זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אנדערע אדוואקעיט גרופע. איר קענט טרעפן דעם נאנטסטן לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אדוואקעיט גרופע דורך קוקן אין די יעלאו פעידזשעס פון אייער טעלעפאן בוך אונטער "לויערס".

**צוטריט צו אייער פייל און קאפיעס פון דאקומענטן:** כדי אייך צו העלפן זיך צוגרייטן פארן הירינג, האט איר א רעכט צו קוקן אויף אייער קעיס פייל. אויב איר רופט אדער שרייבט צום RRDS, וועלן זיי אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון די דאקומענטן פון אייער פייל, וואס מיר וועלן געבן פארן הירינג באאמטער ביים יושר'דיגע הירינג. אויך, אויב איר רופט אדער שרייבט צו RRDS, וועלן זיי אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון אנדערע דאקומענטן פון אייער פייל וואס איר טראכט אז איר קענט דארפן פאר אייער יושר'דיגע הירינג. צו בעטן דאקומענטן אדער אויסצוגעפינען וויאזוי צו זען אייער פייל, רופט אדער שרייבט צו די RRDS אויפן טעלעפאן נומער און אדרעס וואס שטייט אויפן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג. אויב איר ווילט קאפיעס פון דאקומענטן פון אייער פייל, זאלט איר דאס בעטן מיט גענוג צייט פון פאראויס איידער די דאטום פון די יושר'דיגע הירינג. דאקומענטן וועלן נאר געשיקט ווערן צו אייך דורך פאסט אויב איר בעט אויסדרוקליך אז מען זאל עס שיקן צו אייך דורך פאסט.

**אינפארמאציע:** אויב איר ווילט נאך אינפארמאציע וועגן אייער פייל, וויאזוי צו בעטן א יושר'דיגע הירינג, וויאזוי צו זען אייער פייל, אדער וויאזוי צו באקומען נאך קאפיעס פון דאקומענטן, ביטע רופט אדער שרייבט צום RRDS אויפ'ן טעלעפאן נומער און אדרעס וואס שטייט אויפ'ן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג.